# Digitaliseret af | Digitised by

DET KGL. BIBLIOTEK
Royal Danish Library

| | |
|---|---|
| Forfatter(e) \| Author(s): | Red. og Udg.: Simon Altschul |
| Titel \| Title: | Di neye Teidt : Periodisk Tidskrift = : די נייע צייט פעריאדישע צייטשריפט |
| Alternativ titel \| Alternative title: | Di naye tsayt; די נייע צייט |
| Bindbetegnelse \| Volume Statement: | 1923 |
| Udgivet år og sted \| Publication time and place: | Kbh., 1923 |

## DK

Værket kan være ophavsretligt beskyttet, og så må du kun bruge PDF-filen til personlig brug. Hvis ophavsmanden er død for mere end 70 år siden, er værket fri af ophavsret (public domain), og så kan du bruge værket frit. Hvis der er flere ophavsmænd, gælder den længstlevendes dødsår. Husk altid at kreditere ophavsmanden.

## UK

The work may be copyrighted in which case the PDF file may only be used for personal use. If the author died more than 70 years ago, the work becomes public domain and can then be freely used. If there are several authors, the year of death of the longest living person applies. Always remember to credit the author

Di neye
Teidt
1923

1. — 44
DET KONGELIGE BIBLIOTEK
DA 1.-2.S 2 8°
1 1 02 0 8 01299 5
+REX
BIBLIOTHECA REGIA HAFNIENSIS

# לחיים אידן!

טרינקט נאר די

## עכטע ארץ ישראל כרמל וויינעז

די ריינסטע און פיינסטע אין דער גאנצער וועלט. דערמיט שטיצט איהר אויך די אינדוסטרי אין ארץ־ישראל.

„Og de kom indtil Dalen Eschkol og da afskare derfra en Vinranke og een Drueklase, og to maatte bære den paa en Stok"



ויבאו עד־נחל אשכל ויכרתו משם זמורה ואשכל ענבים אחד וישאהו במוט בשנים

## פרייז קוראנט
## כשר לפסח

אונטער די השגחה פון אבערראבינער דר. פרידיגער.

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| ADOM (Rødvin) ............... | pr. | $^1/_1$ | Fl. | Kr. | 3,00 |
| do. ............... | „ | $^1/_2$ | „ | „ | 1,65 |
| ADOM Extra (Rødvin).......... | „ | $^1/_1$ | „ | „ | 3,50 |
| do. ......... | „ | $^1/_2$ | „ | „ | 1,90 |
| SAUTERNES .................. | „ | $^1/_1$ | „ | „ | 3,00 |
| HAUT SAUTERNES ........... | „ | „ | „ | „ | 3,50 |
| LAWAN Extra (Type chablis) ... | „ | „ | „ | „ | 4,00 |
| PALESTINE PORT, hvid........ | „ | „ | „ | „ | 4,00 |
| do. , rød......... | „ | „ | „ | „ | 4,00 |
| ALICANTE (Dessertvin)......... | „ | „ | „ | „ | 4,00 |
| MUSCAT, hvid do. ......... | „ | „ | „ | „ | 4,75 |
| MUSCAT, rød do. ......... | „ | „ | „ | „ | 4,75 |
| ESCHKOL-RICHON (Type Madeira | „ | „ | „ | „ | 5,00 |
| CARMEL-RICHON (Type Scherry) | „ | „ | „ | „ | 5,00 |
| PALESTINE-MALAGA ........... | „ | „ | „ | „ | 5,50 |
| TIROSCH (Type Tokayer) ..... | „ | „ | „ | „ | 6,00 |
| COGNAC, ca. 43% ............ | „ | „ | „ | „ | 12,00 |
| do. „ „ „ ......... | „ | $^1/_2$ | „ | „ | 6,25 |
| SHNAPS, ca. 43% ............ | „ | $^1/_1$ | „ | „ | 11,00 |
| do. „ „ „ ......... | „ | $^1/_2$ | „ | „ | 5,75 |

טעלעפאנירט נאר אן: צענטראל 9087 און איהר באַקומט אפילו איין פלאש צוגעשיקט צו אייך אהיים!

גערענקט אונזער טעלעפאן נומער:

# CENTRAL 9087

Tryk. S. Altschul, Ravnsborg-Tværgade 6, København

Имею честь предлагат мою Первокласную Портняжескую Мужескую Работу.

Болщой вибор Англейскаго модернаго Сукна.

С Почтеніем

Б. Квэтни.

Møntergade 7. Telefon Byen 6464.

איך האב די עהרע צו אנבאטן מיין ערשט־קלאסיקע

הערן שניידעריי־ארבייט

וואס ווערט אויסגעפירט פון די בעסטע ענגלישע

שטאפן און די בעסטע בעארבייטונג.

מיט אכטונג

ב. קוועטני.

Møntergade 7. Telefon Byen 6464.

## גרייט זיך צו אנ׳אינטערעסאנטן אוונט!

לכבוד דעם צען יאריגן יובילעאום פון אידישן

## האנטווערקער־פאראיין

וועט געשפילט ווערן איינע פון די גרעסטע דראמעס פון אידישן רעפערטואר:

## שבת ד. 15 דעצעמבער 1923.

## אלע דארפן געדענקען דעם אוונט!

די פארוואלטונג פון א אידישן האנטווערקער־פאראיין אין קאפענהאגן

## די אידישע ארבייטער לעזע־זאל׳ס

# פראגראם

## פון ווינטער סעזאן:

דעם 5־טן יאנואר 1924 ווערט אראנזשירט א פרעמיע לעזע־קאנקורס

דעם 16־טן פעברואר. ווערט פאראנשטאלטעט א גראנדיעזער

## מאסקן־באל 4 פרעמיעס ווערן אויסגעטיילט.

זיך ארבייט איצט די פארוואלטונג אריינצובערענגען א באדייטענדן זשורנאליסט וואס זאל האלטן איינגע פארטראגן. דער אויבנדער־מאנטער, האט פון אנפאנג פון דער רוסישער רעוואלוציאן ביז נישט לאנג, געלעבט אין מאסקווא און אין אנדערע גרויסע צענטערן אין רוסלאנד,

צייט און ארט פון די פארטראגן וועלן מיטגעטיילט ווערן

מיט אכטונג

די פארוואלטונג.

# נאטיצן.

ס'ווערט געגרינדעט א אידישער „שאך־קלוב". די וואס האבן אינטערעס, קאנען זיך ווענדן ביי ה' קראטאשינסקי, ה' קראקאווסקי און ה' קלאס. א לערער וועט די מיטגלידער פון קלוב לערנען און אויסאיבן אלעס גוטע שאך־שפילער.

דער „הזמיר" פאראנשטאלטעט זיין יאריקן קאנצערט מיט נייע אידישע לידער, ווי אויך ערשט קלאסיקע אסיסטענץ, דעם 8־טן דעצעמבער.

זונטאג דעם 15־ן אקטאבער, וועט דער הזמיר זינגען א אפטיילונג פון בעטהאווען אויף דעם גרויסן קאנצערט, וועלכער קומט פאר אין אדד פעלאו פאליי גרוסן זאל אונטער דער פאראנשטאלטונג פון דענישן סאליסט פארבונד.

זונטאג דעם 9־טן דעצעמבער, פאראנשטאלטעט דער «הזמיר» א קינדער חנוכה־פעסט. דאס אינהאלטס־רייכע פראגראם מיט א טעאטער שטיק, ווערט אדורך געפירט פון קינדער.

# באקאנטמאכונגען.

## דער אידישער שניידער־קלוב, קאפענהאגן.

שבת־אוונט דעם 1־טן פעברואר 1924 פאראנשטאלטן מיר אונזער

# 2־טן מאסקן באל.

אין: Blegdamsvej 26.

איבער אלע איינצעלהייטן, ווי אויך דעם כאראקטער פון מאסקן באל וועט קומען א שפעטערדיקע מיטיילונג.

# „צו אוגזער יוגנט״

יונגע קינדער פון דעם בוך פאלק
רייבט די אויגן אויס, דערוואכט!
זאל די צייט די פינסטער שווערע
ניט פארוויקלען אייך אין נאכט.

האלט דעם קאפ מיט שטאלץ געהויבן
אויף דעם לאנגען שטרויכל וועג.
גרייט זיך אן מיט שפייז וואס מערער
נאך זיינען פיל די וואנדער טעג.

פילט אן לאגלען מיט דעם וואסער,
פון דעם אלטן פרישן קוואל...!
ר׳זאלט ניט דארפן שמאכטן, דארשטן
און אויס שפייען פאר דארשט ס׳גאל.

שיצט דעם קוואל דעם לעבענס ריינעם
אלץ וואס פרעמד איז; אן א זייט!
מיר האבן אייגענס. א! ווי טייער,
קוקט זיך צו נאר, ס׳איז שוין צייט.

יוגנט פרישע, יוגנט טרייע —
רייסט די אויגן אויף, און זעט!
קומט!.. העלפט בויען אונזער טעמפל,
קומט! כל זמן ס׳איז ניט צו שפעט.

אלטער.

# צוויי קאנצערטן פון הזמיר.

ס'איז געווען א גוטער פלאן, און גוט אדורך געפיהרט פון דעם טיכטיגן דיריגענט הר' בערעזאווסקי.

די 6 זאנג־פאראיינען וועלכע הר' בערעז. האט דיריגירט האבן אפגעהאלטן א קאנצערט זונטאג דעם 19 טען אווגוסט אין עיר הזקנים (גאמלעס בי) וואו פילע הונדערטער אלטע, האבן מיט קינדערשער נייגעריגקייט געהערט, און מיט ניט וויי ניקער באגייסטערונג אפלאדירט די זינגער, ווי אויך דעם דיריגענט. אין צווישן האט דער הזמיר געזונגען „סאלא" 3 אידישע לידער, און איינע א דענישע פאר וועלכע די דאנקבארע צוהערער האבן הארציג געדאנקט. די פרעמדע זינגער מיט דער פרעמדער שפראך האבן ביים קאנצערט געשוועבט העכער, ווי זייערע אייגענע זינגער מיט די אייגענע לידער, און דעם לויב קראנץ האט דער „הזמיר" כשר פארדינט.

דער צווייטער קאנצערט איז געווען אין דעם בארימטן קונסט טעמפל וועלכער רופט זיך טיוואליס קאנצערט זאל.

דאס געניטקייט און גוטע קענטעניש אויפן מוזיקאלישן געביט האבן אויך דאס מאל ניט פארלאזן דעם דיריגענט. און אויך דא האט דער „הזמיר" אליין געזונגען אידישע לידער, און ווייל ס'איז געווען אין א זאל און ניט אין דער פרייער לופט ווי דער ערשטער קאנצערט האבן די שטימען פיל בעסער געקלונגען, און דער מער אינטערעסירענדער פובליקום האט ניט געשפארט אויפן אפלאדירן.

דאס ווייי מוטיגע און הארמאנישע ליד «די אמת'ע טרערן» מיט א קליינער סאלא פון דעם הר. ב. קרעסטניקאוו האט געווירקט זייער גוט — און ניט וויי ניקער באגייסטערונג האט ארויס גערופן דאס ליד „עגל הזהב" וועלכע איז געזונגען געוואָרן מיט א זעלטענער איינהייטליכקייט און גוטן ריטם. דער דיריגענט האט זיין דאנק פון פובליקום כשר פארדינט. און דער הזמיר קען זיך פארצייכענען נאך איין גרויסן טריאומף צו די אלע פריערדיקע ביז יעצט.

האוזן

צולעצט האט דער „הזמיר״ געזונגען די זייער פאפולערע ליד „מיין אינגעלע״ און אויך דאס שטימונגס-פולע ליד «פאריאמערט פארקלאגט״ביידע לידער האבן הארציק געקלונגען. מיט דעם האט זיך דער אווגט גיענדיקט, און ס׳האט דאך ניט פארפעלט, אז דער דורכגאנג פארביי די פעסטליך טיי טרינקענדע, האט ארויס גערופן די ווירקונג, אז דער עולם זאל זיך פאנאנדער גיין מיט א טראגי-קאמישער שטימונג.

א.—י.

:::::::::::

## א פאר ווערטער צו דער קאפענהאגענער אידישער קאלאניע.

די אידעשע ארבייטער לעזע-זאל, וואס ווערט אויסגעהאלטן די גאנצע צייט פון איר עקזוסטענץ מיט אונזערע אייגענע כוחות. די גרעסטע מי און אפערוויליגקייט איז ניט געשפארט גע-ווארן, כדי צו שאפן צייטונגען, זשורנאלן און הויפטזעכליך ביכער. מיר האבן פאר די לעצטע יארן איינגעשאפס פון די מאדערנסטע ביכער, סיי אריגינעלע, סיי פון די בעסטע קלאסיקער אין איבערזע-צונג, די ביכער ליגן איינג צונויפגעפרעסט (מחמת דעם וואט עס פעלן לעזער).

אריינקומענדיק אין ביבליאטעק, דוכט זיך אפ. ווי פרץ, מענ-דעלע, דינעזאן, שלום עליכם, שטעקן ארויס זייערע קעפ און בא-וויינען זייעד מזל, וואס זיי זיינען פארוואגלט געווארן קיין קא-פענהאגן און מען קוקט זיך נישט ארום אויף זיי. אלע זייערע פריינט און פארערער האבן זיי פארלאזן, עס ווערט באמת טרויריק אויפן הארצן ביים געדאנק, או אונזערע גרויסע, וואס האבן מיט בלוט און טרערן געשאפן אזוי פיל גרויסעס און שיינעס, ווערן פון אונז פאר-נאכלעסיגט און פארגעסן.

דעריבער ווענדען מיר זיך צו אייך מיט אנ׳אפעל: ווערט מיט-גלידער אין לעזע-זאל, העלפט אויפהאלטן די ביבליאטעק, וואס איז דער איינציקער קולטורעלער אנשטאלט וואס פארשפרייט ליכט און וויסן.

בן נח.

# לאקאלעס.

## טרויער אוונט, נאך מ. ראזענפעלד ע"ה.

מיטוואך דעם 5־טן סעפטעמבער האבן די אידישע מיט א נאך שלעפ פון 2 דענישע פאראיינען, אפגעהאלטן א טרויער אוונט נאך דעם פארשטארבענעם אידישן דיכטער, דער אוונט איז געעפנט געווארן פון דעם פארזיצ. הר. פראפ. ד. סימאנסען, וועלכער האט אויך דעניש איבערגעגעבן דעם פארשטארבענעם'ס ביאגראפיע באריכות.

דערנאך האט באקומען דעם ווארט דער הר. ס. ביילין, וועל־כער האט אויף אונזער הארציקן מאמע־לשון «אידיש» ארייגעפירט א גרויסע טייל פון דער פארזאמלונג אין דער שטימונג, וואס דער אוונט האט פארלאנגט.

נאר א טייל פון די דעניש אידישע פאראיינען וואס האבן זיך שוין ניט געפילט מער היימליך, נאך דער עפענונגס רעדע, האבן זיך פארקליבן אין דעם צווייטן טייל פון זאל וואו ס'איז אויך טיי און אויך קוכן ניט געשפארט געווארן און אויך ניט אויף פעסטליכער שטימונג. דער טייל וואו דער אוונט איז פארטגעזעצט געווארן, האבן גערעדט נאך איינינע רעדנער ווי אויך פארלעזער, דער הר. קלאס האט פארזוכט אפצושאצן דעם פארשטארבענעם אלס ארבעטער דיכטער, נאר האט דאך, אפשר ניט ווילענדיק, ארייגעג־בראכט א צווייפל בא די צוהערער. דער הער קאהן וועלכער האט דעקלאמירט אויף דעניש «די ליכטעלעך» און «אויפן בוזים פון ים» האט מער גערעדט פאר זיך, ווי פאר די אנדערע.

דערנאך האט גערעדט הער וועלנער, וועלכער האט ארויס געזאגט א פאר גוטע אריגינאלע געדאנקען איבער דעם פארשטאר־בענעם אלעס נאציאנאלער דיכטער. דער הר. קראקאווסקי וועלכער האט זיך ביים ערשטן מאל דעקלאמירן א ביסעל געהאט פארלארן האט אבער ביים צווייטן מאל דעקלאמירן «די סליחות» געפונען דעם ריכטיקן טאן, און פארשאפט די צוהערער ניט ווייניק גייסטיקן פארגעניגן.

אדער גוט אפגעהיטע זאכען, נאר — ווי עס איז שוין גענוג געוועזן אנגעוויזן געווארן — ווי אזוינס, וואס געהערט צום לעבען גופא און זיין אמת.

דערמיט איז דער שילדערונגס נאטור אויפגעגעבען, און אזויווי נעמעסיס — ווי מיר דארפן פאראויס אנגרייפנד זאגען — איז אויך אין דער געשיכטע, אין אלע זאכענס נאטור און געדאנקענס וואוקס, איז נאטירליך דער היסטארישער גייסט ליגט פריער, ווייל דער שילדערונגס גאנג, וועט אין גרעסטען טייל זיין געשיכטליך. עס וועט ענטפערען צו דער אויפגאבע און וועט האפענטליך געבען א באדייטענדערע הכנסה, ווען מיר זאלן אנהויבען מיט די מיינונגען, וואס זיינען גאנגבאר טאג־טעגליך און פון זייערע טרעפענווייס ארויפשטייגן אין די צייטען.

---

באמערקונג: אין די קומענדע נומערן גיבן מיר אויף דעם זעלבן פלאטץ די פארטזעצונג פון דעם זעלבן מחבר גאנגבארע טאג־טעגליכע ש כ י נ ה בילדער

דער איבערזעצער.

דער צושטאנד איז אזא, אז נעמעסיס שטעהט ווי א טונקעלער פרעמדער ווארט אין אונזער ווי אויך אין די אנדערע מאדערנע שפראכען, אונטערגעווארפן עפעס א ווילקירליכקייט, ווי פרעמד, צייטענווייז שלעכט אדער אומגעלומפערט באהאנדעלט, אבער האט כסדר אבגעהיט אין זיך עפעס דאימאנישעס, עפעס אזוינס, וואס דערוועקט א מין מורא אדער עהרעפורכט, און אלע, וואס ברויכען דעם ווארט, ווילן מיט איהם אויסדריקן א טייל פון זיי, עפעס וואס זיי האבן אומזיכער געהאט געלערנט איבער דער געטין נ ע מ ע ס י ס, און א טייל פון זיי — מ׳קאן זאגען אינסטינקטמעסיג—מיט געפיהל־אהנונג איבער דעם אז כאטש די געטין איז אפילו טוידט, לעבט דאך אזוינס וואס זי באצייכנט.

מ׳האט נאטירליך ביז איצט אויך ניט געוואורט מיטן פארשען מכוח דעם ווארט, דאס בילד נעמעסיס, וואס כ׳ענטהאלט אין זיך. מיר ווענן קומען צו באריהרען די פארזוכונגען, וואס זיינען געמאכט געווארן פון דעם מין, אבער זיי גיבען אנ׳אומצופריעדנשטעלענדע־ אדער קיין הכנסה. די וויסענשאפט אין אונזער צייט באט אן נייע באלויכטונגען. ס׳איז אין משך פון די יאהרען געשעהן עפעס באדייטענדעס אדער גרויסעס: די מענטשהייט איז געקומען נאהנטער צום באזיץ אין דער געשיכטע פון זיך זעלבסט. אויף יענער זייט פון דער צייט, וואס מ׳האט פון לאנג־אן גערופען «די אלטע צייט» ווערט אויסגעגראבן אנ׳אנדערע, ווייט לענגערע אלטע צייט, און דורך דער הילף פון דעם ניי־ערוואורבענעם שפראך־וויסען, ווערן די טוידטע געבראכט צום ריידען, בילדער און געשטאלטען, וואס זיינען ביז איצט געשטאנען ווי צוזאמענגעפאלענע פארווירנד, רעטענעשפולע אדער מיינונגסלאזע, גיבן ווענן זיך א גוטען מיינונג, ווייזן אז זיי ענטהאלטן קלארע געדאנקען אין גרויסער, פאעטישער ביל־דער־שפראך.

דאס איז דער רוח וואס מיר ווילן זוכון צו ברענגען אין אנ־ווענדונג אויפן ווארט׳ נאמען׳ בילד נעמעסיס. און ניט נאר ווי א בלויזן פארשטאנדס־ אדער למוד־זאך, ווי אנ׳איינלייטונג צו געהן אין מיזעאומס אין געפינען גרייט שעהנע אדער מאיסה׳ צוזראכענע

דאנק און די געפיהלען שטעלן זיך געדריקט איבער דעם אופן וויאזוי זיי ווערן פאנאנדער-געטיילט, שטעלט זיך עס ווי אנ׳אל־געמיינער א.ת.׳ אז מיר דורך אונזער ארגאניזם׳ס אויפנעהמונג אין זיך איינגענעמליכקייט און יסורים, זענען ארויסגערופן געווארן צו אונז ווי אונזער צוועק צו אנערקענען די ארדנונג און ברענ־גען זיך אין ארדנונג.

איצט קאנט איהר פרעגן: ווי קומט עס צו נ ע מ ע ס י ס?

— דאס איז דאס, וואס האט געדארפט דא געוויזען ווערען —, יענע ווערטער קומען באלד צוריק. אבער דערווייל פארלאזן מיר אלע שטימונגען, אויף ווי ווייט עס איז נאר מעגליך, און וועלן זיך האלטן צו געשיכטע, לעגענדע און שפראך.

א פארשטעלונג איבער שפראך אין איהר באטייטונג קומט שפעטער אביסעל; דא וועלן מיר זיך גענוגענען מיט דעם פשוט׳ען זאץ, אז אונזער שפראך איז אנ׳אויסדרוק פון די פארשטלונגען ,וואס לעבן אין אונז; אבער ענטהאלט אין זיך א טייל אייגענע אדער פרעמ־דע ווערטער, פאר פארשטעלונגען וואס זיינען טוידט, למשל, טהאר, צעאוס, דיאנא. מ׳פרעגט ניט אויף זיי, ווער זיינען זיי, נאר מ׳פרעגט ווער זיינען זיי געוועזן; אויף וועלכן אופן מ׳זאל ניט קומען צו ריידן אדער שרייבען די ווערטער זענען זיי תמיד ניט אנדערש, ווי נאר מיט דעם געדאנק, אז זיי האבן אין דער לאנג פארשוואונדענער צייט באצייכנט אזעלכעס, וואס מיר געהענדיג הינטרן פארהאנג האבן זיי ניט געזעהן זייענדיג.

גאנץ אנדערש און אייגענטימליך, איז די פארהאלטונג צום ווארט אדער בילד נ ע מ ע ס י ס; ווייל ער באצייכנט אין דעם קרייז פון געבילדעטע א פארשטעלונג, וואס איז טויט און האט דאך גלייכצייטיג לעבן אין זיך. מ׳קאן זאגען, אז דער זעלבער צו־פאל איז דאך אויך מיט אמאר, פארטונא א. א. וו; אבער איבער זייער באטייטונג האבען מיר מאכט ביים איבערזעצונג; און גראד נעמעסיס שטעהט און ווארט נאך עד היום אויף אנ׳איבערזעצונג נאך דעם גאנצען מיינונג, וואס דער ווארט שפראכליך און לעגעגדאריש פאסט אויף אין זיך.

מיר אלע דאס גאנצע מענטשהייט וואס איז ארגאניזירט צו לעבן אין דעם ארדנונג, גלייך געהן צום גרונד און אויפגעלעזן ווערען, פון אנדערע ארגאניזמען מיט אנ׳אנדער ארדנונגס־חוש, אזוי, אז מיר קאנען וואגען אבשטעלען דא דעם געדאנק מיט די ווערטער: — „אבי ניט אין אונזער צייט, נאך אונז כאטש א מבול.“ — „Aprés nous le déluge.“

אבער אנטקעגען איבער דעמ ארדנונג וואס איז אזוי מעכטיג און אזמאבשטעלענד טהעטיג, און וואס זיין מהות און ווירקען ענט־פערט אזוי באשטימט צו אונזער געפיהל, וואס מיר האבן אין זיך, מאגן מיר דאך גוט וואגן, צו זאגען די ווערטער: אז מיר מענטשען זענען נאר צוליעב דעם, אז מיר זאלן אנערקענען דעם ארדנונג און ברענגען זיך אליין אין דעם ארדנונג.

מיר מענטשען זענען ניט צוליעב שמחה און תענוגים ווענען. אזא מיינונג ווערט ארויסגעזאגט פון פיעלע, און צווישען זיי קאן אויך גערעכנט ווערן ח ע נ ר י ב ר י ס א ק. א מעגטש וואס מ׳קאן איהם גוט דערמאנען מיט אכטונג, א חוץ וואס ער איז א פילאגטראפישע פארפאסער, איז ער אויך א מענטשען ליבהאבער, איבער זיין מענטשען־ליבהאבעריי איז ער געווען פארמישט אין דער קא־מונע און דעפארטירט געווארן, אבער ער איז איצט «באגנעדיגט» אדער צוגעשטעלט צו באגנעדיגונג. אין א שריפט, וואס ער האט אין יאהר 1867 ארויסגעגעבן: „Esprit nouveau de l'humanité.“ „דערנייער גייסט אין הומאניטעט“ זעצט ער דעם מענטשענס צוועק אין גליק און זעהט־איין פאר דעם שרעקליכסטען פאראדאקס, אז יסורים זענען א נויטוועגדיגקייט צום לעבענס אמת׳קייט און גליק נאטורלאך האט דער מיינונג רעכט און גילטיגקייט, ווען עס רעדט זיך איבער אונזער סאציאלער אויפגאבע, אונזער חוב צו ארבייטען ווי נאר מעגליך פאר דעם גוט־האבן ביי דער וואס־גרעסערער צאהל מענטשן. אבער דאס וועט דאך זיין קינדעריש צו מיינען, אז אויף דער וועג אדער אויף אבי־וואסערן וועג קאן אויסגעראטן ווערן יסורים פון דער וועלט. אזוי ווי שמחה אזוי אויך יסורים ליגן ארום אונז אזוי ווי אלעבענס־באדינגונג, און ווען גאנץ געוויס דער גע־

ווארט «גאט» איז שפּראכליך גענומען. ס׳איז אבער אויך אמת, אז מ׳קאן דורכן אייגענעם אינערליכן וואוקס באקומען מאכט אויף צו געבן איהם זיין באדייטונג׳ און אז מ׳קאן ניט אנגרייפן גאטס פערזענליכקייט׳ ניט האבענדיג אין זיין אייגענער פערזענליכקייט איין עליה אדער עקסטאז. אלע די וואס זעהן אין דעם עקסטאז פאר עפּעס ניט אנגענומענעס — ווען ער דארף זיין דער מענטשליכער נאטורס העכסטע מדריגה — מוזן דערפון איבערלייגן קנייטשן מיט די אקסלען.

מיר לאזן דאס דערווייליע שטעהן אן־א־זייט און מיר גיעהן צו צו דאס צווייטע: ארדנונג.

אפילו, די וואס האבן דעם מעהר ארטאדאקסיש־ביבלישן גלויבן אין גאט און זיין אלמעכטיגקייט׳ אנערקענען דאך בסדר, אז ס׳איז דא ארדנונג; אז ס׳איז אין דאזיין דא א געזעץ־מעסיגקייט׳ וואס ביז צו א געוויסן גראד שליסט אויס ווילקירליכקייט. זיי ווילן געוויס אויף וויפעל עס איז נאר מעגליך האלטן זיך ביי ווילקירליכקייטן, אבער זיי מוזן דאך מעהר אדער וועהניגער זיך קלאר מאכן אז דער אי־סדר איז געהינדערט. סיי מוויל זאגן, אז ארדנונג איז דעם רבונו־של־עולם׳ס «מאדוס וויווענדי׳ ד׳ ה. א ארדנונג וואס איז איינגעשטעלט געווארן פון דער אלמאכט צוליב אומגאנג און צוזאמענלעבן מיט דער וועלט, און סיי מ׳וויל ברויכן אנדערע פארמולן פאר דעם׳ וואס איז אליין אין זיך א אין־סוף׳ איז דאך סיי־ווי־סיי פאר אונזער באוואוסטזיין דא א סדר. אין דער אסטראנאמישער און פיזישער׳ אזוי גוט ווי און דער מאראלישער, א סדר׳ וואס איז אזוי שעהן און שטרענג׳ אז דער שכל אליין, קאן קומען דעריבער אין עקסטאז.

מ׳קאן נאך איצט אויך צווייפלען דערינען; עס קאן געזאגט ווערן׳ אז דער ארדנונג איז ניט קיין פעסטער; עס איז דאך אבער אנ׳אמת אז ער האט אויסגעהאלטן ניט נאר די ביבלישע 6000 יאהר נאר אויך דער וויסענשאפטס מיליאנען מיט יאהרן, אזוי אז מיר קאנען דאס רעכענען פאר א הלכה למעשה׳ און אויב עס איז דא צו ספיקה׳ן זיך דעריין׳ תאמר קאן ער מיט אמאל איבערגעבן צו אומארדנונג; איז דאך אויך דא א גרונד צו מיינען׳ אז דאמאלסט וועלן

נונגסלאז". דאס זעלבע האט האענקעל אין זיין „נאטורליכע שעפ־פונגס־געשיכטע" דערוויזן אויפן פיזישן וועג: אז גאט איז א היפא־טעזע, וואס מ'דארף אים שוין ניט ברויכן אין דאזיין פון מעכאניש־פיזישן וועג. ווייטער האט העללוואלד אין זיין דארוויניסטישער «קולטורגעשיכטע» טריאומפירענד אויפגעוויזן, אז גאט איז א אילו־זיאן, וואס מיר דארפן איהם ניט מעהר ביי דער אויפפאסונג פון דער וועלטסקולטור.

אבער עס טרעפט ביי די מענטשען, אז זיי מוזן אויסדריקליך אנרופן די וועלט «אייביג». עס איז ניט א צופעליגע טרעפענעש, נאר א אומפארמיידליכע נויטווענדיגקייט; ווייל ווען די וועלט איז ניט געשאפן, מוז זי דאך זיין איינס פון די צוויי: אדער זי האט זיך אליין געשאפן אדער זי מוז זיין אייביג — צוויי גלייך אומבאגרייפ־ליכע זאכן, ביי וועלכע דער שכל־הישר, א וועלכער ער זאל ניט זיין, דער וויסענשאפטליכער אדער דער פשוט'ער געזונטער מענט־שען־פארשטאנד, ווערט מטושטש. דער ווארט «אייביג» זאגט איי־גענטליך גארנישט; שפראכליך גענומען באטייט ער נאר לאנגע ווייטע צייטן; ער שטעהט ווי א צייכן פון ניט געגוגענדקייט ביים גע־דאנק, וואס צוליעב דער זאכס אומאפגעוויזענעם מיסטעריש ן ערנסט ווערט בטבע אבגערוקט אלץ ווייטער, דער געדאנק בלייבט דאך ווי געוועזן מאכטלאז. אייביגקייט איז א אומבאגרייפליכע איי געגשאפט ביי דער וועלט, ליגט ארום אונז ווי א סוד, וואס קיין מענטש קאן איהם ניט מגלה זיין, און מיר זוכן צו אפרוקען איהם פון אונז ווי עפעס, וואס איז נאר דא ערגעץ ווייט פון אונזער קרייז, לאנג ווייט.
אבער ווען מיר זאלען בלויז ריהרען הארט אויף דער צייט אדער זי אויף אונז, ווייזט זיך א לאך אין דער צייט און די אייביגקייט ווייזט זיך ארויס. ניט אמת? אט אזוי פיהרט אונז די וויסענשאפט אהין צום באשלוס פון שכל, אז די אייביגקייט, איז דער פון זיי געזוכטער פלאטץ פאר «גאט».

ס'איז אמת, אז דער גאט וואס מ'האט דורך אזא געדאנ־קען־אנגרייף אדער אזא רעפלעקסיאן באקומען א בליק אויף אים קאן זיין געגוג אומבאשטימט און אומפערזענליך, פונקט אזוי ווי דער

איהר אנגעדייטעט, איז ניט איבער׳רעש׳נד מיט נייעס אדער מיט אנטפלעקונגען פון רזין־דרזין, נאר צו מאכן אנ׳אונטערזוכונג— ליי־בערשט א גרינג אויפפאסענדע — אין א געוויסער ריכטונג פון דעם מענטשליכן גייסטס־ אדער נשמה־געשיכטע און אין דער ריכטונג צו צוקומען אזוי נאהנט און אזוי באלויכטענד אויף וויפיעל עס איז נאר מעגליך צו די פארגאנגענע מענטשען־דורות, פריהערשטע און אורשפרונגליכע פארשטעלונגען איבער געוויסע חברה׳שע, טיפע, אייגנעוויקעלטע איינגעלעגענהייטן אדער, אויב ניט צום גאנצען דור איז צו די באטייטענדסטע, מעהרער קולטורטיכטיגסטע ראסען.

אבער עפעס א גלויבען דארף מען דאך ביי אזא געלעגענהייט אליין האבן — ווייל מ׳געפינט נאר דאס, וואס מ׳זוכט סימפאטיש —, און איבער דעם «עפעס» ווען מ׳האט בדעה צו שרייבן וועגען איהם, ליגט א חוב צו געבן די לעזער א צייכען, ווען ער זאל אפילו זיין א התראה־צייכען. קאן מען אבער ניט ארויסהייבען איינעם פון די אנערקענטע אדער אנ׳אלגעמיין באקאנטע פלאגן, מוז מען דאך אבער חאטש וועזן א פלאג.

צו איהם געהערט: גאטס דאזיין און ארדנונג.

איהר וועט געוויס באלד פרעגען: וויאזוי קאן דער, וואס שטעהט ניט אונטערן ביבלישען־ אדער אפענבארונגס־שטאנדפונקט, גלויבן אין א גאט? — נו, מ׳האט שוין געזעהן פריהער אזעלכעס; אבער דער איז באמת א גאנץ אנדער מין גלויבן ווי דער ביבלישער. דער גלויבן האט אויפן גרונד פון איינעמס געבורט און ערציהונג א שטימונג אין זיך, וועלכע אומפארמיידליך און בארעכטיגט קלינגט מיט עטוואס ביבלישעס; אבער גלייכצייטיג און וועזענטליך איז ער אנ׳אנערקענונג וואס איז געשטיצט אויף שכל און וויסענשאפט. — אויף וויסענשאפט? — יע, אפילו דעם אטעאיסטישן.

ווען איהר האט למשל געלעזן „דער אלטער און דער נייער גלאויבע» פון דויד שטרויס, האט איהר געהאט געזעהן, וויאזוי דער הויכבאגאבטער אלטער אטעאיסט האט באוויזן אויפן אסטראנאמישן וועג, דורכן טעלעסקאפ אונטערגעזוכטע אומגעמאסטענקייט, אז עס איז שוין מעהר ניטא קיין פלאץ פאר גאט, ער איז געבליבן „וואה־

# נעמעסיס

(אפגערייניגט פון תערובות׳ איז „שכינה״)

מ. גאלדשמידט אין יודיש פון ש. אלטשול

פארוואָרט, צו זיין בוך נ ע מ ע ס י ס.

איהר פרעגט צו ס׳איז אמת, וואס איהר האט געהערט ריידענדיג, אז איך בין פארטיעפט אין אויסצוארבייטן א נייע רעליגיאָן. כאטש איך גלויב, אז איך זעה דעם שמייכעל מיט וועלכען איהר מאכט די פראגע, וועל איך אייך דאך ענטפערן גאנץ ערנסט: ניין, איך האב ניט געהאט קיין געטליכע אפענבארונג, און אזוי ווי איך בין ניט קיין פילאסאף, האב איך אויך ניט אויסגעגרונטעוועט א וועלכע ניט איז סיסטעם, מיט וועלכער עס זאל קאָנען געלעזען ווערען די רע־טענעשען פון דער וועלט. איך לייקען ניט, אז איך האב צייטענ־ווייז, גלייך דאס זעלבע ווי פיעל אנדערע, געדענקט און תופס געווען אזעלכעס, וואס אויגענבליקליך האט זיך מיר געדוכט, אז דאס איז אויסגעצייכענט און נוצליך צו איבער׳רעש׳ן מיט זיין אריגינאליטעט; אבער דורך לעזען און אונטערזוכונגען האב איך בכלל אייגעזעהען, אז אייגענטליך איז דאס גאר קיין נייעס ניט, איך האב דאס דאך נאך געקאנט ערפאהרען פון שלמה׳ס «משלי». איך טרייסט מיך ביי דער הינזיכט מיט דעם, וואס עפעס קאן דאך אויפגעטאהן ווערען, ווען מען געפינט עפעס אלטעס ניט פארלעטערטעס צו לעבן אין זיך; א גלייכען צו דעם איז קיינמאל ניט געווען אויף דעם זעלבן אופן. אזוי וועהניג, ווי איינער וואס פארליבט זיך, ליעבע אויף דער וועלט איז דאך אויך פריהער געוועזן.

על־כל־פנים, די אויפגאבע, וואס ווערט דא געשטעלט, און וואס איהר נאך דעם ווי איהר האט דורכגעלעזן די ביאגראפיע, וועט אפשר געדענקען אז איהר האט געזעהן אין פארשידענע ערטער אין

האגן און זיי ווייסן, וועלכע הענטשיקעס מען דארף האבן צו א «באקס»־קאמף און נאך אזעלכע אידישע זאכן.

נו, ווי זאגסטו, ברודערל, קען מען דען דערפון לאכן?.. זאג שוין דו פאר מיר. — — —

יא, ליבער אברהמל, אט אזוי ווי דו זעסט איז ביי אונז קיין איבערראשענדע נייעס ניטא: מ'ר קימערן זיך ניט וואס אין דער וועלט גייט פאר, פונקט ווי דער וועלט ארט ניט וואס ביי אונז קומט פאר..

און אזו איז אויך מיט אונזער טעאטערל: א שטענדיקע בלאטקע.. אין איין הינזיכט איז מען ביי אונז אפילו יא שטיקלאך בריות: ביי אונז, למשל, דארף מען ניטווארטן אויף פורים - מען זעט ביי אונז די פורים־שפילער דורכן יאר.. אבער ווייטער איז מען ביי אונז ניט איבעראיילט.

זאל איך ד'ר דערצעהלן פון אונזערע „קלובן” פון אונזערע „אגודות” און דאס גלייכן? עס זיינען דא ביי אונז מכל המינים — אבער זיי קענען אלע ארונטערגיין אונטער איין רובריק: «אפגע־קלאפטע הושענות»..,

אפילו אונזערע ליי־קאסעס האט מען שוין אויך געמאגט אוועקלייען אימעצן — אפילו אן קאוציאניסטן,,,

און אזוי כסדר — — לויטער פריילאכע נייעס.

הכלל, האב שוין דו אין דיין סביבה מער נחת.

דיין

שמואליק.

# פון אונז צו אונז.

(א קליין בריוועלע)

הארציגער ברודער אברהם׳ל!

וואס זאל זיך דא הערן? קיין נייעס — חלילה — ניטא, כמעט אלץ אויפן אלטן שטייגער. למשל, אונזערע היגע אידישע אינסטיטוציעס און פאראיינען — פירן זיי זיך אזוי שטיל און באשיידן, אז מען הערט פון זיי כמעט ניט...

אט האבן מיר דא כמעט א לעזע־זאל — איז ער א מוסטער פון באוועגונג: ער גייט מיט די טריט פון א העלפאנט און אטעמט ווי א פליג,.. — געווייגליך, מאכט עס ניט קיין איבריגן רעש — א שאטן אויפן וואנט טומולט ניט...

אדער אט איז ביי אונז דא א געזאנג־פאראיין, — קומען ניט קיין אידן צו הערן אים, גייט ער זינגען כאטש פאר גוים — אבי לאזן זיך הערן;...

האבן מיר דא ווידער א יוגנט־פאראיין — קאן מען אויף אים ניט זאגן: ניט הקול קול יעקב און ניט הידים ידי עשיו... וויל זייער גאנצע אידישקייט ליגט ביי זיי אין די פיס, — פוס־באל־שפילער... און ענטזאגן זיך אויך ניט פון טאנצן...

דערפאר האט אונז דער אויבערשטער מזכה געווען מיט להבדיל א גרויסן רב — קען מען אים אנרופן קורץ און גוט: מתיר אסורים... דורך זיינע ברילן מעג מען אלץ, וואס מען טאר ניט...

זעסטו, אברהמל: דערפאר האבן מיר דא א פריילאכע ערשיינונג אין דער געשטאלט פון א משגיח אין א „אידישער" שולע — ער «זארגט» זיך פאר אונזערע קינדער: זיי קאנען נעבאך ניט זיין קיין אמת׳ע אידן, ווען זיי ריידן אידיש; דעניש זעסטו וועט זיי מאכן פאר די ריכטיגע — אזעלכע ווי ער איז...

נו, קען מען ניט לייקענען: די קינדער וויסן טאקע פון איר־דישקייט כדבעי; זיי וויסן, ווער איז געווען טארדענסקיאלד, און זיי וויסן אז סטריבאלט איז ניט דער מאגערסטער דענער אין קאפענ־

# וואס טוט זיך אין פאלעסטינא?

ירושלים, 19 סעפטעמבר. (א. ק. ב.)

א רעוואליוציע וואס איז אויסגעבראכן אין עבר הירדן איז אונטערדריקט געווארן, 82 זיינען געפאלן טויט און א גרויסע צאל פארוואונדעט. די רעוואליוציאנערע באנדעס זיינען צוטריבן געווארן נאכדעם ווי זיי האבן געמאכט אנ־אטאקע אויף דעם מילי־טערישן לאגער פון עמיר אבדולאה דעם מושל פון עבר הירדן.

דער פירער פון דער רעוואלוציע איז סולטאן פאשא אדוואן, הויפט פון דעם אראבישן שבט בעלקא, אבדולאה האט זיך באנוצט מיט עראפלאנען און מאשין־ביקסן אין דעם שלאכט מיט די רע־וואלוציאנערן, אבדוללאה האט די ס׳טואציע אין זיינע הענט און ארדנונג איז צוריק איינגעשטעלט געווארן.

לאנדאן, 19 סעפטעמבער (א. ק. ב.)

עס איז דא אויך באריכטעט געווארן דאס דער קאמענדאנט פון דער ענגלישער מיליץ פון פאלעסטינא גענעראל טוראר, האט פאררופן אלע שעיכס קיין יריחו און האט זיי באפאלן צופאראהאלטן זיך רוהיק, אז ניט וועט די פאלעסטינער רעגירונג זיך באנוצן געגן זיי מיט מלחמה מעטאדן.

ירושלם, 21 סעפטעמבער (א. ק. ב.)

דער נציב העליון סיר הערבערט סאמיועל איז נעכטן צוריק געקומען אין פאלעסטינא, ער האט באקומען א גרויסע אויפנאמע.

ס׳ווערט באהויפטעט דאס סעמיועל האט מיט זיך געבראכט א סאנקציע פאר דער לעגאליזירונג פון די ארץ ישראל געמיינדעס און ועד לאומי אהן דאס רעכט צו לייגן שטייערן.

ירושלים, 21 סעפטעמבער (א. ק. ב.)

דא זייגען אנגעקומען באריכטן וועגן א נייעם אויפשטאנד פון אראבישע שבטים, געגן דעם מושל פון עבר הירדן עמיר אבדו־לאה, ס׳ווערט אויך באריכטעט, אז די רעוואליוציאנירענדע שבטים נאכדעם ווי זיי האבן געליטן א נידערלאגע אין ערשטן אויפשטאנד האבן רעארגאניזירט זייערע כחות און גרייטן זיך צו צו א נייער אטאקע אויף אבדולאה׳ס לאגער. (אידישע וועלט)

קאמיטעט, זאל קיין טייל ניט האבן אין דאס לאנדס אפיציעלע פאר־וואלטונג. ס׳איז קיין גרונד ניטא דערצו, אז די איצטיגע רעגירונג, זאל ענדערן די פאליטיק. מיר זיינען אין פאלעסטינא, און די בריטישע אינטערעסן פאדערן ניט ווייניגער ווי ערליך ארבייטן׳ אז מיר זאלן קאנען דארטן בלייבן און ערפילן די התחייבות׳ן, וואס מיר האבן גענומען אויף זיך,

דאס אידישע. פאלק איז אין פאלעסטינא אין קראפט פון זיין רעכט און ניט פון געדולדונג, פון טאלעראנץ. די אידען זיינען די יורשים פון זייערע אבות. וועלכע האבן עראבערט און באזעצט דאס לאנד כנען מיט הונדערטער יארן נאך פאר קריסטוס צייט׳ס רעגי־רונג, און זייער געשיכטע איז אונז אלעמען גוט באקאנט פון ביבעל. אבער די אראבער דארפן דאך אויך ניט פארנעמען א אונטער געאר־דענטע שטעלונג. אלע׳ וואס וואוינען אין פאלעסטינא זיינען פא־לעסטינעזער און ז״י זיינען אלא בארעכטיגט אויף עקאנאמישער און פאליטישער ענטוויקלונג פון זייער אייגנטימליכקייט. פאלעסטינא וועט ניט זיין אזוי אידיש ווי ענגלאנד ענגליש, די קריסטן׳ מאחא־מאדאנער און יודען דארפן זיין גלייכבארעכטיגט. דער רעגירונגס פליכט איז נעמען אין אכט אומפארטייאישע גרונדזאצן אין יעדער פארוואלטונגס דעפארטאמענט, זיי דארפן ניט זיין פרא־אידיש אדער פרא־אראביש׳ נאר בריטיש. אויף דעם גרונד האט דער קאלאני־מיניסטער מיטגעטיילט דער אראבישער דעלעגאציע׳ אז עס קאן ניט זיין קיין שום רייד ניט. איבער א ענדערונג אין דער ענגלי־שער רעגירונגס אין יולי 1922, פעסטגעשטעלטע פאליטיק.״

---

הייסט דאס. אז ענגלאנד האט נאך די שווערינקייטן׳ וואס זי האט געהאט פון די איבערגעטריבענע ציוניסטישע פאדערונגען און דער אראבישער פראפאגאנדא וואס טאט געבראכט געוויסע אומרוען געענדערט איר פאלעסטינא פאליטיק. פון יודן־שטאט איז געווארן א נאציאנאלע היים, מיט גלייכבארעכטיגונג מיט די קריסטן און אראבער. און דער אידישער עקזעקוטיוו קאמיטעט וועט ניט האבן קיין טייל אין פאלעסטינא׳ס אפיציעלער פארוואלטונג. און צוליב דעם האט מען געפייערט דעם «גאולה נתנה לארץ?» און נאך מער ענגלאנד זאגט אז: אויב זי וויל קאנען דארטן פארבלייבן מוז זי ערלאך ארבייטן. און אונזערע? שוין צייט באקומען ישוב־הדעת!

———

# קלאָרע דיבורים

## (איבער ענגלאנדס נייער פאליטיק אין פאלעסטינא)

די איינפלוס־רייכע ענגלישע צייטונג „טיימס“ שרייבט אין א לייט־ארטיקל קלארע דבורים איבער דעם קאלאני־מיניסטער הערצאג פון דעוואנשירע׳ס ערקלערונג, צו דער אראבישער דעלעגאַציע, אז «די רעגירונג וועט ניט אפווייכן פון איר פאלעסטינא פאליטיק», דער ארטיקל זאגט פאָלגענדעס:

עס איז אויף יעדען אופן גוט, וואס די נייע רעגירונג׳ האט פרעציזירט איר שטעלונג צו דער וויכטיגער פראגע׳ אזוי אז עס איז שוין ניטא מער קיין פלאץ פאר אומזיכערקייט׳ בנוגע די גרונדזאצן פאר אונזער פאליטיק אין פאלעסטינא. באלפורס דעקלאראציע׳ איז געווען אנ׳אלגעמיינע ערקלערונג׳ פון וועלכער די פראקטישע זייטן ווערן באשטימט נאך די ערפארונגען׳ און די ערפארונגען זיינען געווען באלערנדע׳ כאטש זיי זיינען אפט געווען ניט אנגענעמענע. דער אראבישער ווידערשטאנד און די איבערגעטריבענע ציוניסטישע פאדערונגען האבן געשאפן דער בריטישער פארוואלטונג גרויסע שוועריגקייטן׳ די שוועריגקייטן זיינען ניט לייכטער געווארן דורך דעם, וואס ס׳האט געפעלט א ערקלערונג איבער דער פאליטיק וואס די רעגירונג וועט פאלגן. די פאדערונג פון פילע ציוניסטען׳ אז פא־לעסטינא זאל זיין אויף אזוי־פיל אידיש, אויף וויפיעל ענגלאנד איז ענגליש׳ האט ארויסגערופן געוויסע אומרוהען, מחמת, באלפורס־דע־קלאראציע׳ס פארפליכטונגען. די אומרוהען האבן זיך ווייטער אפ־געשפיגעלט אין דער אראבישער אגיטאציע, און שורשילס ערקלע־רונג אין ווייסן־בוך׳ איבער דער ענגלישע״ פאליטיק, איז געקומען פונקט צו דער צייט׳ דערמיט וואס זיי האבן געבראכט ארדנונג אין א שטעלונג וואס האט אין זיך ענטהאלטן א סכנה׳ די פאליטיק בנוגע אויפריכטונג פון א אידישע נאציאנאל־היים אין פאלעסטינא איז באקרעפטיגט געווארן׳ אבער די באהויפטונג, אז דאס איז דאס זעלבע ווי אויפריכטונג פון א אידען־שטאט, איז אפגעוויזן געווארן און עט איז פעסט געשטעלט געווארן, «אז דער אידישער עקזעקוטיו

אונזערע קינדער וואלטן ניט געדארפט גיין צו די פרעמדע, ס׳קאן אזעלכעס גישאפן ווערן ביי זיך, וואו דאס קינד וואלט גע־קענט זייגן פון דעם אייגענעם אוצר. אונזער יוגנט וואלט מערער געהערט ארום זיך פון א אידישן לעבן, און אפשר דערפאר אויך מער פאראינטערעסירט געווען וועגן דעם אייגענעם פאלקס אינטע־רעסן, און וואלטן געוואוסט אויך צו שאצן די אייגענע געווינסן אין אונזער קולטור וואס ס׳איז פאראן, א חוץ שפרינגען, טאנצן, און לויפן,..!

ס׳וואלט ביי א בעסערן ווילן פון אונז אלעמען, געקענט גע־שאפן ווערן, אין דעם וואס מיר זיינען פאראימט, און אויך אויף לעבן און אפ פרישן די צווייגן וועלכע לעבן נאך, נאר האבן אויפ־געהערט צו בליען, די געווינסן פון אנ׳איינהייטליכער טעטיגקייט וואלטן אפשר געווען גרעסער, ווי מען קאן עס אפשאצן.

און ס׳איז טאקע נויטיק איצטער, ווען דער זומער קלייבט זיך אין וועג, דער גרינער וואלד וועט שוין מער ניט ווינקען צו אונז גאסט פריינטליך, און די אוונטן וועלן פארבראכט ווערן מער אין דער הוים, צו פארטראכטן זיך איבער אונזער היילקייט, אונזער אפ־געריסענקייט, אין צו זען וואס געכער ארויסצוקריכן פון דעם זומפ, אין וועלכן מיר, אונזער יוגנט, אונזערע קינדער שווינקן זיך, און ווערן שווארצער פון טאג צו טאג... ווערן אלץ מער דערווייטערט פון אונזער שורש, פון דעם שטאם, וועלכער פארמאגט אזוי פיל גע־זונטע לעבענס־פעהיגע ווארצלען דער שטאם וועלכער האט א רעכט צו פארלאנגען אז די צווייגן די קרוין פון עם, זאלן איינזאפן אין זיך דעם אפ פרישענדן זאפט, און זאלן האבן מער ווילן צו טראגן די פירות פאר די צוקונפטיגע דורות.

אברהם בן יוסף.

און כאטש ס'עקזיסטירט די לעזע זאל, מיט נייערע און בעסערע ביכער ווי געווען. דאך שטייט זי פאר'יתום'ט. אדער ס'עקזיסטירט א אידישער זאנג פאראיין, וועלכער האט געהאט און קען האבן זייער א וויכטיקע באטייטונג פאר אונז בנוגע דעם פרעמדן ארום איז אויך איין גאט ווייס ווי לאנג די כחות וועלן אויסהאלטן פון די פירער ווי פון אלע מיטגלידער, אנצוהאלטן די באגייסטערזנג צווישן זיך, אין דער צייט ווען די אידישע קאלאני באציט זיך אזוי קאלט צו דעם טעטיקן און לעבענס פעהיקן קולטורעלן «הזמיר» די קאנצערטן, וועלכע רופן ארויס גרויס באגייסטערונג ביי די פרעמדע קענען דאך ניט ארויס רופן גענוג אינטערעס פון די קאפענהאגענער אידן אנצופילן דעם זאל איין מאל אין יאר צום הזמיר'ס קאנצערט און ביי אזא שטיצע און אינטערעס פון דער קאלאניע וועט קיין וואונדער ניט זיין וואס אויך דער פאראיין וועט ווערן פאר'יתום'ט.

אין דעם איצטיקן לעבן, וואו דאס געדרוקטעווארט האט אזא מאכט און איינפלוס, אויף אלע סאציאלע געשעענישן, דאס געדרוקטע ווארט וועלכעס וואלט אויך אונזער הייפל דא געקאנט מער צוזאמן בינדען וואלט אונז נענטער צוזאמענגעפירט מיט די טעגליכע פאסירונגען פון אונזער פאלקס לעבן, ווי פריידן אזוי ליידן. אט דאס וואלוועלע באדערפענעש, ווערט יעדער מאל ביים דערשיינען, נאך שווערע מאטערניש פ'ן יחידים, אויפגענומען מיט אזא קאלטקייט און אומווילן. אז ס גייט דערנאך אוועק חדשים און יארן, ביז די יחידים פארגעסן דעם קאלטן ברוך הבא. ווי אויך דעם עקאנאמישן קרבן און מאכן א נייע אנשטרענגונג מיטן געדאנק אולי ירחם? טאמער האבן זיך אונזערע אידן דא, פארביינקט נאך דאס וואס ביי די אומות איז עס מ'קאן זאגן א לעבנס באדערפענעש און ס'וואלט געוויס מעגליך געווען, ווי קליין די כחות זאלן ניט זיין אויסצוהאלטן א וואכן בלעטל, וואס וואלט אפגעפרישט אונזער גראען איינטאניקן לעבן, יום־טוב'דיקער געמאסט אונזער אלטעגליכקייט

ביי א בעסערן צוזאמענהאלטונג פון דער אידישער קאלאניע, וואלט א סך גוטעס געקענט אויפגעטאן ווערן.

די לעצטע יארן, אויף דעם קענען עדות זאגן די טויזענדער יתומים אין אוקראינא.. ווי אויך שיקן פילע טאטעס און מאמעס זייער קינ־דער אין דעם פאראיין מיטן נאמען פ־א־ס־א וואו די קינדער ווערן דעמאראליזירט: לערנען פרעמדע זיטן, א פרעמדע שפראך, פרעמדע נייגונגען. און אפט ניט פון די איידעלסטע. און דאריבער איז אויך קיין וואונדער וואס אויך פון אנ׳אנדער זייט, גיט מען זיך די טרחה צו דערווייטערן אונזערע קינדער פון אונז. שוין ביים אריין גיין אין שולע זאגט מען דאס קינד אן ער זאל אין דער היים ניט ריידן קיין אידיש. מען לערנט דאס קינד פארשידענע לשונות איינגליש, דייטש אפילו כינעזיש ווען ס׳וועט זיין נויטיג אבער נאר ניט קיין אידיש חלילה, נאר ניט דאס וואס דער טאטע און די מא־מע רעט און וואס דער זיידע און די באבע האבן גערעט. מיט איין ווארט מען וויל אז דאס קינד זאל זיך וואס גיכער אויס מישן זיך מיט די וואס אלץ איז ביי זיי שיין אלץ איז ביי זיי גוט (נאך זייער מיינונג) ביי אונג פארקערט. דאס איז אונזער מצב דא ביי אונזערע קינדער. און אויף דעם גרויסן פראגע צייכן פארוואס? איז דער תירוץ: ווילע די עלטערן וועלכע זיינען פון דער אלטער היים. די וועלכע האבן זיך אויסגעהאדעוועט אין א ריין אידישער סביבה, די וועלכע האבן דער מאמעס ברוסט געזויגן ליגנדיק אין וויגעלע אדער גאר אין א מולטער, און ניט אין א מאדערנעם קינדער־וואגן אויף פיר רעדלעך. די וועלכע בייינקען נאך היינט נאכן טשאלנט מיטן קוגל און פילן אן די שול און שר״יען חדש ימינו כקדם. אט די אונזערע האבן אנגעטאן טונקעלע שפאקולן, און זען ניט וואס ארום זיך טוט זיך, ווילן ניט וויסן פון זיך אליין, ווערן פארבלענדט דורכן גלאנץ פון פרעמדע שערבלעך, און האלטן זיך אויך ביים אפרייסן פון דעם גרויסן אידישן קערפער.

דען ווי קליין ס׳איז ניט געווען אונזער גייסטיגער לעבן מיט עטלאכע יאר צוריק, האט דאך גיפלאסן א הייסער טראפן בלוט אין דעם אדער פון גייסטיקן אינטערעס ס׳איז געווען א לעזע זאל וואו מען פלעגט זיך אפט צוזאמען קומען לייענען אידישע צייטונגען, דיסקוטירן אידישע טאג פראגן, הערן א פארטראג, א פארלעזונג,

הערט זיך נאך צו צום געשפרעך פון אונזער יוגענט, וועט איר זיך איבערצייגן אין דעם, אזפאר זיי לעבט דאס אידישע פאלק אזוי זארגלאז אזוי בהטחבה׳דיק אז מער ווי אין ספארט נויטיגט זיך עס ניט, ס׳זעט אויס אז דער געווינס פון א פוס באל קאמף, אדער דאס שפרינגען פון א 10 אדער 15 מעטער פארהעכערונג, אין וואסער אריין קען אונז פארזיכערן אונזער קיום אויף ווייטער . . .

מען וויל אונז איינריידען אז דער ספארט מאכט דער יוגנט שטארק. אנטוויקלט זיי קערפערליך, ס׳קאן אפשר זיין? כאטש די רעזולטאטן אין דער ריכטונג זען ניט אויס גאר מאקאביייער־מעסיג: יעדענפאלס זען ניט אויס פיל בעסער ווי מיר פון דער אלטער היים וועלכע האבן פון דעם אפגאט ניט געוואוסט.

דער שרייבער פון די שורות מיינט ניט חלילה, אז די יוגנט טאר זיך ניט אינטערעסירן מיט די אלע עפידעמישע ספארטס פארוויילונגען, נאר אדרבה! ואדרבה. אבער די פראגע איז נאר צי דארף דאס פארנעמען אונזער גאנצן איך? אונזער שאפן? אונזער דיינקען? און צי קענען די ספארט געווינסן געבן אונזערע דיכטער, אונזערע קונסט מאלער אונזערע סקולפטארן, און אלע די בויער פון אונזער פאלקס קולטור, דעם נויטיקן דראנג צו שאפן פאר אונז קוואל פרישעס וואס זאל אונז און אונזערע צוקונפטיגע דורות קענען אפ פרישן ווי דער מ״רגן־טוי די פארטריקענטע שפראצונגען, נאך א הייסן זומער טאג.. ווען מען דיינקט זיך נאך ערנסט אריי אין דעם אלעם, מוז מען קומען צום באשלוס, אז די ספארטס נצחונות אדער די קומענדע טאנץ אונטן אין ווינטער סעזאן, וועלן אונזער עתיד ניט באפעסטיקן, אז ס׳וועט אונז ניט אויפהויבן אויף א העכערער קולטור מדרגה, אלעס א פאלק צווישן פעלקער.

און איז נאך ווייניג וואס אונזער יוגנט רייסט זיך אפ פון אידישן לעבן? גייט עס מיט אונזערע יונגערע קינדער ניט בעסער. נאר אין דעם האבן שוין געוויס דעם שולד די עלטערן. וועלכע שיקן זייערע קינדער אין די דענישע קינדער פאראיינען, ווי ספיידער מ״גלים) וואו מען גיסט אין דעם קינדס אדערן אריין דעם סם־המות פון מיליטאריזם. פון וועלכע מיר אידן האבן דוכט זיך גענוג געליטן

# אונזער סביבה

איינער האט אמאל געזאגט, אז א פאלקס קולטור, קען אפגע־מאסטן ווערן נאך דער וואג זייף וויפל ס׳באנוצט. ס׳קען זיין אז ס׳איז א גוטער מאשטאב קולטור פון א פאלק צו מעסטן. אבער אזוי ווי ס׳איז שווער מיט דער מאס אפצושאצן דעם קולטור צושטאנד פון אונזער סביבה דא אין קאפענהאגן, דאריבער ווען מיר מוזן זוכן אנדערע מיטלען, צו מעסטן און צו וועגן אונזער מצב. קיין גרויסע שוועריגקייטן וועט מען צום דעם ניט באדארפען.

א געוויינליכע וואג, אין דאס געוויכט? אני׳אפגעריבענע קליינע מטבע וועט זיין איבער גענוג אויף צו הויבן די אנדער טעלער פון דער וואג־שאל אויף וועלכע ס׳וועט ליגן אונזער קולטור טעטיגקייט

די לעצטע 2—3 יאר האט זיך אונזער געזעלשאפטליכע טע־טיגקייט זייער אויסגעבלייכט, און זעט זייער קריינקליך אויס. ס׳וועט יין כדי אפצושטעלן זיך מיט א קורצער באטראכטונג איבער די קראנקהייטן וועלכע נעמען אן א כראנישן פארם, און ביי מעגליכקייט אפשר אויך אנווייזן די פארשידענע רפואה׳ת.

מיר וועלן למשל באטראכטן אונזער יוגענט, דער יונגער דור וועלכער ווערט פאר א פאלק געשאצט פאר די יונגע ארויס שפרא־צענדע צווייגען, אויף דעם אלטן בוים, מיט די פילע פאנאנדער גע־שפרייטע ווארצלען. די יונגע צווייגען, וואס כאטש זיי זיינען בא־העפט צו דעם אלטען שטאם, און זויגען זייער לעבנס קראפט פון דעם זעלבן, זיינען זיי דאך העכער פון דעם עצם בוים. און זיינען די בליאונגס טרעגער, וואס ווארפן די שמעקענדיקע בליטן ווייט ארום זיך, ס׳הייסט זיי זיינען די פארשפרייטער און די צוקונפטס טרעגער פון זייער אייגענער פרוכט. אט די יונגע צווייגן אונזערע האלטן זיך ביים אפרייסן פון שטאם, באקומען אנ׳אנדער אויסזעהן עפעס גאר ניט די פרישקייט. די גרינקייט פארטראגט אין א געלקייט און ווער ווייס? אויב ס׳איז ניט א סימפטאם פון וועלקן. אונזער יוגענט איז אוועק אויף וועגן, אויף וועלכע ס׳איז שווער זיי נאך צו לויפן, און נאך צו שפרינגען, ממש לויפן און שפרינגען, ס׳זעט אויס אז קיין וויכטיגערע און ערענסטערע פראגען עקזעסטירט ניט פאר זיי אין דער אידישער וועלט.

פנים און פריוט, וואס מיר האבן באקומען פון דענעמארק, ווען מיר זיינען געלאפן וואוהין די אויגן האבן אונז געטראגן, ווי אויך וועגן דער גוטער באהאנדלונג, וואס מיר האבן געהאט ביז איצט. און מיר קאנען זיכער זאגן, אז דאס דענישע פאלק האט קיין חלק ניט געהאט אין די צוויי פיינדליכע האנדלונגען קעגען רוסלאנד, נאר דער קליינער הייפעלע „אינטערווענציאניסטן”.

און דערצו פאדערט זיך א פארזאמלונג פון דער היגער רוסישער קאלאניע.

א צווייטע און א נאך וויכטיגערע זאך דארף אויך באהאנדלט ווערען אויף דער פארזאמלונג: די עמיגראנטן פראגע, דאס הייסט צו וועמען געהערן מיר? אדער זיינען מיר אפשר גאר בראדיאגעס?

אין דעם ערשטן אינטערוויו, וואס אונזער רעפרעזענטאנט צעזאר העין האט געהאט פון דער פרעסע, האבן זיי איהם אויך געשטעלט די עמיגראנטן פראגע, און דאס איז געווען זיין ענטפער:

איך וועל באלד זוכן צו קומען די עמיגראנטן צו הילף, אויב זיי ווינשן פארבינדונג מיט אונז. געוויינליך מאנט דער ארדנונג עטליכע פארמאליטעטן, אבער לויטן טראקטאט קאן איך אויסשטעלן און ויזירן פעסער פאר אלע רוסישע עמיגראנטן, וואס האלטן זיך אויף אין דענעמארק, פאר זיי קאן איך יעדענפאלס ניט גלויבן, אז זיי זאלן האבן וועלכע ניט איז שוועריגקייטן.

פון די ווערטער — ווען זיי ווינשען צו קומען מיט אונז אין פארבינדונג — איז צו זעהן, אז אונזער געזאנדשאפט איז נאך ניט אינפארמירט, איבער אונזער פארהאלטונג צו איהר. קיין גרויסן חן גיט עס אונז ניט צו, די פארזאמלונג וועט אפשר אויך קלאר מאכן אונזער צוגעהעריגקייט.

גלויבנדיג אז א גרויסער טייל פון דער היגער רוסישער קאלאני טראגן זיך ארום מיט די זעלבע געדאנקען און געפילן צו רוסלאנד און אירע פארטרעטער ערלויב איך מיך אין זייער נאמען ווינשן אונזער דעלעגאציע א הארציגן «ברוך הבא»!

שמעון אלטשול.

דער פועל יוצא פון זייער ארבייט, איז א שאס פולווער ניט ווערט. גערעכט איז רבי אלכסנדראי, זיי האבן ניט געוואלט געהן אויף דעם וועג פון כולו זכאי און ברענגען די וועלט גיכער אין ארדנונג, זיצן זיי איצט איינער אין געהאקטע וואונדען אין רוהר, די אנדערע אינדערהיים אין געבאקטע יסורים. און די צייט אליין ארדענט און רייניגט אפ די וועג פארן „בן דוד" צו פראקלאמירן די גאולה. מיר זעהן שוין דעם נביא׳ס ווערטער: וגר זאב עם כבש ונמר עם גדי יחדיו ירבצו, קומען אין ערפיהלונג. מיר זעהן שוין טראק־טאטען אונטערגעשריבענע פון וואלף מיט די כשר׳ע שעפסעלאך און געזאנדטע פון לעמפערט אין די לענדער וואו ציגען פאשען זיך. דאס וואס דער המון חכמים מיט זייערע קלוגע פראפאגאנדע דרשות האבן ניט געקאנט, האט די צייט יע דערוויזן. און איצט איז שוין אויך פאר אונז רוסישע עמיגראנטן אין דענעמארק אויך געקומען די צייט צו אריענטירן זיך אין דער ערנסטקייט פון דער צייט און זעהן ברענגען נוצן פאר דעם לאנד פון וואנען מיר זיינען און פאר דעם לאנד, וואס האט אונז געגעבען א זיכערן און גאסטפריינדליכן פריוט ווען מיר האבן געמוזט אנטלויפן פון די צאריסטישע פארפאלגונגען.

און מיר קאנען ברענגען פאר דיביידע צדדים נוטצען!

קודם כל, קענען מיר אפוואשן די שינאה כבושה, די אינער־ליכע פיינדשאפט, וואס סאוויעט־רוסלאנד טראגט אין הארצן אויף דענעמארק, פאר דער ניט גוטער באהאנדלונג פון סאוויעט רוסלאנדס געזאנדטן הר׳ ליטווינאוו, און דעם איבעררייסן פון דעם געוועזענעם אויסערן מיניסטער סקאווענייוס די פארהאנדלונגען פון האנדעלס פארבינדונגען צווישן די ביידע לענדער, וואו ביידע האבן געליטן. אמת, איצט איז שוין גוט געמאכט געווארן. אונזערע דעלעגירטע האבן באקומען א פיינעם קבלת־פנים און אונזער געזאנדטער האט געשענקט זייערן צוויי קושן אויף ביידע באקן. אבער די אמת׳ע פריינדשאפט קאן ערשט קומען, ווען די שנאה פון די ביידע נאציא־נען זאל פארשווינדען, און דערמיט וועלן ביידע צדדים מער נוטצן באקומען. און דערצו קאנען מיר, די רוסישע קאלאני גוט העלפן. מיר קאנען דערצהלן אונזערע היימישע איבער דער קבלת־

פון בן־דויד, די «עקבות משיחא» הערען זיך שוין: דער וואפען־שטילשטאנד איז אונטערגעשריבן געווארן פון ביידע צדדים, אמת מיט א קליינער באמערקונג פון פראנקרייך, אבער די וועלט האט געהאפט, אז די חכמים פון דעם דור דעה, פון דור שכולו זכאי, וועלן זיך פארזאמלען אין ווערסאל, וועלן זיי זעהן ארדנען די וועלט אזוי, אז דער בן דויד זאל קומען און פארווירקליכן ישעי׳ הנביא׳ס פונקטן פון באחרית הימים.

די כנסי׳ גדולה פון די 20 טויזנט חכמים אין ווערסאל, האט אבער פארגעסן געארג בראנדעסס אפגעמאכטן חשבון נאך אין דעם 16־טן חודש פון אנפאנג פון דער מלחמה, וואו ער האט געוויזן, אז אייראפא איז שוין באנקראט, ווייל אלע ווערטהן, וואס זיינען געשאפן געווארן צייט דעם 15־טן יאהרהונדערט, האט שוין ד׳ מלחמה אויפגעפרעסן. זיי האבן אויך ניט געהערט זייער פיהרער מאק קענדי, וואס האט זיך ענטזאגט פון זיין פלאץ צוליב דעם וואס די דיפלאמאטען און פאליטיקער האבן זיך גענומען צו לעזן דער וועלטס עקאנאמישע און פינאנציעלע פראגען און ניט עקאנאמען און פינאנסיסטן, און די האבן דאס געשאפן דעם ווערסאלער רחמנא לצלן טראקטאט אויפן גרונד פון ווילסאן׳ס 14 פונקטן.

די צווייטע רוסישע רעוואלוציע מיט לענין׳ען בראש, וואס האט ערקלערט רוסלאנד פאר א פעדעראטיווער סאציאליסטישער רעפובליק, האט גלייך געמאלדן א שמיטת כספים, פשוט באנקראט. אלע פאדערונגען פון סאוויעט־רוסלאנד איבער: פארטרעטערשאפט ביי די פרידענס אפמאכונגען, די טעריטאריאלע ווי אויך די עקאנאמישע זיינען מיט חוזק אפגעווארפן געווארן, און האבן זיך גענומען קודם פאר דעם חצוף־דיגן פארבינדעטן און נאכדעם די באזיגטע שונאים צו לערנען מיט זיי בלק. די אנווייזונגען פון רוסלאנד, אז לא זו הדרך, ניט מיט דער וועג קאן די חרובדיגע וועלט געבראכט ווערן אין ארדנונג, טענה׳נדיג, אז די גאנצע וועלט איז כולו חייב אז אלע זיינען שולדיג, קיינער האט ניט מיט וואס צו באצאהלען און ס׳מוז אבגעווישט ווערן. זיי האבן נישט געפאלגט. און איצט זעהן מיר דעם פועל יוצא פון זייער ארבייט.

# צייט צו אריענטירן זיך!

בערך מיט 17 הונדערט יאהר צוריק, האבן אונזערע חכמים זיך באשעפטיגט מיט די נביאים־שע פאראויסזאגונגען איבער דער וועלט־מלחמה, וואס וועט קומען «באחרית הימים», נאך וועלכער עס וועט קומען א „בן דויד״. און א גליקלאכע צייט פאר דער מענטשהייט וועט אריינטרעטן. זיי האבן געשילדערט די גאולה־צייט מיט שרעקליכע פארבן. זיי האבן למשל געזאגט: אז א פרוטה אין טאש וועט ביי קיינעם ניט זיין, דאס הייסט, אז דעם פלאץ וועט פארנעמען א מיליאן. ארבייטס־קראפט וועט זיין טייער און די ארבייטס־לאזיגקייט וועט זיין גרויס. תבואה וועט זיין א סך און די וועלט וועט הונגערן, אין נאך אזעלכע בילדער. וואס מיר, די וואס האבן איבערגעלעבט די וועלט־מילחמה, קאנען נאר באוואונדערן זייער ווייטן בליק נאר ניט די בילדער אליין האבן זיי געשילדערט ריכטיג, נאר זיי האבן אויך ריכטיג געוויזן די אופנים אויף וועלכע די עקאנאמיש רואינירטע וועלט, וועט צוריק געבראכט ווערן נאך אין א בעסערן ארדנונג, און אויף וועלכן אופן ס׳קאן קומען גערכער און מיט ווייניגער יסורים, און מיינענדיג אז זייערע ווערטער זיינען אריענטירנד אין אונזער צייט, גיבן מיר זיי דא:

רבי יוחנן זאגט: „דער בן דויד קאן נאר קומען אין א דור וואס וועט זיין דורכגעדרונגען מיטן חשק צו לעבען מיט דער אמת׳ער גערעכטיגקייט, אדער אין א דור פון דורכאויס שולדיגער.

רבי אלכסנדראי גיט צו צו זיינע ווערטער די ערקלערונג:

„אויב דער דור וועט זיין א כולו זכאי, וועט די גליקלאכע צייט פון בן דוידס פראקלאמירונג פון דעם נייעם ארדנונג קומען גערכער אין קראפט. ווען אבער דער דור וועט זיין כולו חייב, וועט שוין די באפרייאונג אליין פון זיך, קומען מיט דער צייט.״

צום סוף פון דער וועלט מלחמה, ווען פרעזידענט ווילסאן איז ארויסגעטראטן אלס שתדלן צווישן די שטרייטענדע צדדים, מיט זיינע 14 פונקטן, האט עס א קליינע צייט אויסגעזעהן, אז אט־אט קומט שוין די גאולה, דער גאנצער דור איז כולו זכאי און די טריט

אין דער אידישער וועלס קומען פאר טאג־טעגליך אלערליי פאסירונגען: טרויעריגע און פריילִיכע. דארט גייט פאר א לעבן און א קאמף פארן לעבן דארט קומען ארויס אידישע ביכער, אידישע זשורנאלן, אידישע צייטונגען, וואס באהאנדלען אלע זייטן פון דעם אידישן גייסטיגן, עקאנאמישן אדער קולטורעלען לעבן.

מיר, דא, ווייסן ניט פון דעם. דענקען ניט וועגען דעם און פאלגן ניט מיט אין דעם נייעם מארשרוט. מיר, דא זיינען ווי אפ־געריסענע בלעטלעך פון דעם אידישן בוים — מיר פילן דא ניט ווי עס קלאפט דער פולס אין דעם לעבעדיגן און קעמפענדיגן אידישן ארגאניזם. —

כדי אז אונזערע טריט אין אונזער היגער ארימער געזעל־שאפט זאל ניט אינגאנצען פארוויייט ווערן; כדי אז אונזער אטעם זאל ניט אינגאנצן איבערגעריסען ווערן און בלייבן הענגען אין דער לופטן, — לאזן מיר ארויס די שריפט „די נייע צייט”, און ווילן נאר פארצייכענען אז מיר האבן געלעבט און געאטעמט — און געקעמפט א פארצווייפעלטן קאמף.

מיר ווילן האפן, אז אונזער־ע לעזער וועלן אונז געבן די מעג־ליכקייט, אז מיר זאלן קאנען ארויסגעבן אונזער שריפט צו דער צייט און דערמיט אנהאלטן די איינציגע פאדים וואס פארבינדט אונז מיט דער ארומיגער אידישער וועלט.

ס׳ ב׳

# די נייע צייט

פעריאדישע צייטשריפט

BIBLIOTHECA REGIA HAFNIENSIS

נר. 1 | סעפטעמבער 1923 | קאפנהאגן | תשרי תרב"ד | 1 יאהרג.

## ארייננטריט

וואס מיר ווילן מיט אונזער שריפט?

מיר ווילן אויך מיטפאלגן מיטן לעבענס־שטראם פון דער נייער צייט.

ארום אין דער סאציאל־פאליטישער וועלט באוועגט זיך דאס לעבן מיט א גוואלדיגער טעמפא; די כוואליעס ווארפן זיך גאנץ הויך אריבער דעם אייראפעאישן לעבענס־ים; אין דער אידישער וועלט ווידער גייט עס אויך צו מיט גאנץ „לעבעדיגע" טריט: די סאציאל־פאליטישע פראגע גייט אויך ניט אראפ פון דעם אידישן סדר־היום. אין דער וועלט פון וויסענשאפט ווידער ווערן געמאכט גיגאנטישע טריט פארווערטס, וואו אויך אידן נעמען א גאנץ היבשן אנטייל. אין דער וועלט פון ליטעראטור און קונסט ברענגט יעדער טאג אלץ נייע און וויכטיגע פארטשריטן און צייכענט אן דעם ברייטן וועג פאר די קומענדע שאפונגען. מיט איין ווארט: אלץ ארום לעבט, אלץ ארום שאפט, אלע ארום נעמען אנ'אקטיוון אנטייל אין דעם שאפונגס־פראצעס. —

נאר מיר, אונזער היגע אידישע געזעלשאפט איז ווי אפגע־שטארבן. מיר לאזן פון אונז ניט קיינע סמנים אז מיר לעבן. אדער אז מיר ווילן לעבן און אויך אנטייל נעמען אין דעם שטראם און אויך פארצייכענען אונזערע טריט. —

# די נייע צייט

פעריאדישע צייטשריפט
רעדאקטאר און ארויסגעבער: שמעון אלטשול

נר. 1. אקטאבער 1923 1. יאר

# DI NEYE TEIDT

PERIODISK TIDSKRIFT
REDAKTØR OG UDGIVER:
SIMON ALTSCHUL